# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

## Seyfer zikhroyneṡ

**Psantir, Iacob**
**בקעי ,רתנספ**

**Buḳaresht̤, 650 = 1889**

Unsicher

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

שמשך כי אסף בצהרים
טוהר שמינו כסה ערפל !
על-אבליו חוס אל בשמים !
רחם נחם עמך משפל !

---

## פה נח*)

החכם הפילוסופיה דוקטור יהודה אריה ב"ר גדליהו שטערן מבוקא־
רעשט שנאסף אל עמו ביום ג' י"ט לחודש טבת תרמ"ב.

## יהודה

יודוך אחיך המדכאים, לעזרתם עוז לבשת
התיצבת כאריה נגד פריצי רומניא
ובשבטך שבט סופר דכית מבקשי רעתם
דרשת טובתם לפני מלכים ישרם הגדת
הלא דבריך כאש להלהיב לבבם על כן
יקוננו מספר מר הוריך ואחיך
הדרם ופארם מעל ראשם הוסרו
וי ! הוי ! יזעקו בני ציון מרעיך
דלפה מתוגה נפשם עינם מרמעה
הילל בן שחר, אספת אורך
עדי עד מלבבם לא ימוש זכרונך
נצח במרומים תתלונן, תמצא שלוה במעוניך

---

שאלה 1. פאר וואס האט איהר פארווארפען די ערשטע גרינדער דעם פעראיינס „בתי מחסה לזקנים" אינ אז איהר האט ארויסגעגעבען דעם ערשטען ראפארט האט איהר נאר געשריבען די געשיכטע פין ר' וואלף מיכאלאוויטש ווען ער האט איבער־גינעמען דאס געלד פין אברהם גארפונקעל ?

---

*) דאקטאר לעאפאלד שטערן איז געשטארבען אין פראנציא דארום האבען מיר זיין מצבה דא געשטעללט צום עווינען אנדענקען.

שאלה 2. פאר וואס זאגט איהר ניט וויא אזוי קימט דאס געלד צי ר׳ אברהם גארפונקעל ?

שאלה 3. פאר וואס זענט איהר ברוגז אויף מיר ? אפשר דער פאר וייל איך האב ענטדעקט דיא גרינדונג דעם פעראיינס „בתי מחסה לזקנים“ אינ האב דאס געלד געבראכט צי ר׳ אברהם גארפונקעל.

שאלה 4, אין דעם דאקומענט וואס איהר האט איינגעמויערט אין דער טימעליע פאר וואס האט איהר ניט דערמאנט מיין נא־מען אויך ? איך האב געארבייט גלייך מיט אייך.

שאלה 5. פאר וואס האט איהר מיר אבגעזאגט פין דער שיהל אפשר דער פאר וייל איך האב ניט געטראגען גלייך דעם אתרוג אדער וייל דער נר תמיד איז בייא נאכט פערלאשען געווארין.

שאלה 6. פאר וואס האט איהר מיין גרייצער גירויבט אינ אוועק גינעבין אזעלכע מענשען וואס מען דארף זייא ניט געבען ?

שאלה 7. פאר וואס האט איהר מיין פרנסה ציגינעמין אינ גע־געבען איין אנדערן וואס ער האט גאר ניט גיהארוועט בייא דעם אזיל ?

שאלה 8. א יענקיל פלאממער וואס ער איז א סוחר אים פאללען זיננע דעם ווארטעס אינ איז נאך בייא אללע קרעפטען אינ האט געלד אויך אינ קהלט זיך אין דיא בתי מדרשים אינ קריעגט זיך אויס מיט אללע ארדענטליכע מענשען. דער הייסט איין זקן אינ אזיל, דער עסט דאס ארימע גיבעטעלטע ברויט אינ איז מקבל פין אללע צדקות וואס מענשען געבען פאר דיא אונפעהיגע אלטע לייט וואס זייא געפינען זיך דארט. הערר ברייטער האט תמיד גע־זאגט אז פלאממער וועט ניט זיין פאלט אים דאס אזיל. ער ווייסט ניט אז דער קאמאנדירענדער פאלט אראב פין דעם פערד אין דער שלאכט קימט איין אנדערער אינ קאמאנדירט אינ דיא מלחמה געהט פארווערטס. פאר וואס איז ער ניט געקיממען פריהר מיט 10 יאהר ער זאל ארבייטען פיר דעם אזיל אהנע געלד, אזוי וויא מיר האבען געבלוטעט דאריבער ?

מיר בעטען דיא אללע מעמברע דע וועטש דיא עוויגע מיט־גליעדער וואס זייערע נאמען זענין גראווירט אויף דיא שטיינער, זייא זאללען מאכען איין גענעראלפערזאממלונג אונ מען זאל פער־איינינגען דיא דריי אינסטיטוטען שוהלע שפיטאל אונ אזיל אונ עס זאלל גיוועהלט ווערין אנשי אמת שונאי בצע אונ עס זאלל גע־פיהרט ווערין אמתה רעגולירטע ביכער אונ דורך דיא אינסטיטו־טען זאלל דיא שטאט פעראיינינגט ווערין אונ עס זאלל געפיהרט ווערין דיא גאנצע געמיינדע אזוי וויא פאר אלטע צייטען אונ מען זאלל זעהען אז קיין אלטע ארימע יודען זאללען זיך ניט וואלגערן אין דיא גאססען, אזוי וויא מיר האבען גיזעהן ערשט פאר עטליכע וואכען וויא איין אלטער יוד פין איבער דיא 80 יאהר האט זיך גיוואלגערט אויף דער גאס נעבען דער גרויסער שיהל אונ מען האט איהם ניט גיוואלט אריין נעהמען ניט אין שפיטאל אונ ניט אין בתי מחסה לזקנים, אונ ערשט פאר עטליכע טאג איז דארט אונטער דיא טרעפ פין דער ווייבערישער שיהל איבערגעפרוירען גיווארען איין ארמער יוד.

מיר שליעסען אונזערע ביאגראפישע געשיכטע מיט דעם אפעלל אין איך בעט מיינע ברידער דא אין לאנד אונ דיא גוטהערציגע אין פרעמדע לענדער אז מען זאל מיך שטיצען אויף מיין עלטער אין דעם 70סטען יאהר פין מיין לעבען.*) אין דעם אזיל האב איך פערלוירען מיינע אויגען. גאט זאל שיקען זיין השגחה אויף אונזערע ברידער אונ זאלל זייא בענשען מיט אחדות אונ מיינע שונאים זאלל גאט מוחל זיין.

לא יקרא שמי עוד יעקב כי אם ישראל יהיה שמי, כי שריתי עם אנשים. אנשים כמו שפירש רש"י ז"ל עם עשו ועם לבן.

---

*) אי"ה בחג השבועות תר"נ פייער איך מיין שבעים־מאהל.